גליון 283
שבועות - נשא
תשפ"ו




לעידוד וחיזוק הלימוד והחזרה
בספה"ק סיפורי מעשיות משנים קדמוניות
שסיפר רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זיע"א

# אוֹיסְגִיסְן דָאס הַאַרְץ פַאַרְ'ן בַּאשֶׁעפֶער

**אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן הִתְרַגְשׁוּת הֶערְשְׁט, אָנְהֵייבְּנְדִיג דִי וואוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה, "מַעֲשֶׂה י"ב" - פוּנֶעם "בַּעַל תְּפִלָּה".**

**דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אוּנְז וֶועגְן אַ בַּעַל תְּפִלָּה וָואס אִיז אַרוּמְגֶעפָארְן אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן אַ קְלָארֶע זַאךְ: מִיר הָאבְּן גָארְנִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען אוּנְזֶערֶע טֶעג מִיט תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה. אַרוֹיסְצוּגֵיין אִין וַואלְד אוּן מִתְפַּלֵל זַיין פַארְ'ן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אוֹיסְצוּגִיסְן דָאס הַאַרְץ מִיט טַייכְן טְרֶערְן, זִיךְ פַאסְמַאקֶעוֶוען מִיט זַיין לִיבְּשַׁאפְט, אוּן רֶעדְן צוּ אִים וִוי צוּ אַ גֶעטְרַייעֶן פְרַיינְט. אִים אִיבֶּערְגֶעבְּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַדוּרְךְ אוֹיף אוּנְז, אוּן זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים בְּרַחֲמִים וּבְתַחֲנוּנִים פּוּנְקְט וִוי אַ קִינְד פַאר זַיין טַאטְן.**

**דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט אַרוֹיסְפִירְן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן שְׁטָאט אַרַיין אִין וַואלְד, וואוּ עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן צוּ פַארְזוּכְן דֶעם זִיסְן טַעַם פוּן תְּפִלָּה אוּן תְּשׁוּבָה.**

יֶעדְן אָוֶונְט פְלֶעגְט שְׁלוֹמִי שְׁפַּאצִירְן צוּם צֶענְטְרַאלְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ אוֹיף תְּפִלַּת מַעֲרִיב. נָאךְ אִינְדְרוֹיסְן פְלֶעגְט עֶר אָפְלֵיינֶען אַלֶע נַייֶע מוֹדָעוֹת אוּן רֶעקְלַאמֶעס, צוּזַאמֶען מִיט דִי בִּילִיגֶע אוֹיסְפַארְקוֹיפְן אוּן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע בִּילְדֶער פוּן פְּרָאדוּקְטְן. נָאכְדֶעם פְלֶעגְט עֶר אַרַיינְגֵיין דַאוֶוענֶען אַזוֹי אָן קֵיין שׁוּם חַיוּת. עֶר הָאט קוֹים גֶעעֶפְנְט דֶעם סִידוּר, זִיךְ מִיטְגֶעכַאפְּט מִיט אַ מִנְיָן, אוּן שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶעמוּרְמְלְט דִי וֶוערְטֶער. נָאךְ פַּאר מְ'הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיי קְרִיאַת שְׁמַע אִיז שְׁלוֹמִי שׁוֹין גֶעוֶוען פֶערְטִיג. גְלַייךְ דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַ צְדָקָה-פְּרָאסְפֶּעקְט אוּן דוּרְכְגֶעלֵייעֶנְט יֶעדֶע וָוארְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֶרְנְסְטְקַייט.

נָאכְן עֶנְדִיגְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, נָאךְ אַפָּאר קוּרְצֶע מִינוּטְן פוּן דַאוֶוענֶען, הָאט עֶר מִיט אוּמְגֶעדוּלְד אָנְגֶעהוֹיבְּן צֵיילְן צִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מֶעג שׁוֹין אָנְהֵייבְּן דֶעם קַדִּישׁ. קוּקְנְדִיג אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע אִידְן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ, וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְטִיפְט אִינֶעם דַאוֶוענֶען אוּן הָאבְּן זִיךְ בַּאלֶעקְט מִיט יֶעדֶע בְּרָכָה אוּן לוֹיב, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט: פַארְוָואס דַאוֶוענֶען זֵיי אַזוֹי לַאנְגְזַאם? וָואס הָאבְּן זֵיי אִיבֶּערְצוּקַייעֶן יֶעדֶע אֵיינְצִיגֶע בַּקָשָׁה נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? וָואלְט נִישְׁט בֶּעסֶער גֶעוֶוען צוּ מַאכְן שְׁנֶעל? אֶפְשָׁר גֵיין לֵיינֶען עֶפֶּעס, אָדֶער קוֹיפְן אַ זַאךְ בַּיים טִישְׁל אִינְדְרוֹיסְן? אָדֶער גָאר לֶערְנֶען עֶפֶּעס וָואס הָאט אַ טַעַם אוּן אַ פְּשַׁט? סְתָּם אַזוֹי מַאֲרִיךְ זַיין דָאס דַאוֶוענֶען? פָּשׁוּט אַזוֹי?! וָואס הָאבְּן זֵיי דֶערְפוּן?...

שְׁלוֹמִי אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶערִיסְן פוּנֶעם חֵן אוּן דֶעם שֵׁיינְקַייט פוּן דַאוֶוענֶען.

אֵיין נַאכְט אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, הָאט זִיךְ אַ יוּנְגֶער בָּחוּר גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבְּן אִים אוּן גֶעדַאוְונְט מִיט אַן אֱמֶתְ'ע הִתְלַהֲבוּת. יֶעדֶע וָוארְט וָואס עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט אִיז גֶעוֶוען וִוי מֶען צֵיילְט גָאלְדֶענֶע מַטְבֵּעוֹת; זַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמַאכְט, אוּן מֶען הָאט גֶעקֶענְט צְוִוישְׁן זֵיי זֶען דִי טִיפֶע הַארְצִיגֶע תַּחֲנוּנִים. שְׁלוֹמִי הָאט אִים בַּאטְרַאכְט מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעסֶע, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַ בֶּענְקְשַׁאפְט נָאךְ אַ רִיכְטִיגְן טַעַם אִין דַאוֶוענֶען. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעוָואלְט גֶענִיסְן פוּן אַ גֶעשְׁמַאקְן דַאוֶוענֶען, אָן יָאגְן דִי וֶוערְטֶער. שְׁלוֹמִי הָאט זִיךְ שְׁטַייטְלֶעךְ גֶעגֶעבְּן אַ רוּק פָארְאוֹיס אוּן אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען אָנְצוּהֵייבְּן צוּ דַאוֶוענֶען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה מִיט אַ פַאסִיגֶע כַּוָונָה פוּן דִי טִיפֶענִישְׁן פוּן הַארְץ. אַ וַוארִימֶע גֶעפִיל צוּם דַאוֶוענֶען הָאט זִיךְ פְּלוּצְלִינְג עֶרְוֶועקְט אִין אִים. עֶר הָאט אַיינְגֶעזֶען אַז עֶר קֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זִיךְ טְרֶעפְן דִי גֶעשְׁמַאק פוּן דִי תְּפִילוֹת אוּן בַּקָשׁוֹת.

דִי דָאזִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת אִיז אִים גֶעקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם צַדִּיק דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, וָואס זַיין גַאנְצֶע עֲבוֹדָה אִיז מְעוֹרֵר צוּ זַיין אַן אֱמֶתְ'ן גֶעפִיל צוּ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה. עֶר שִׁיקְט אַרַיין הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה אוּן מַחֲשָׁבוֹת פוּן הִתְבּוֹנְנוּת צוּ יֶעדְן אִיד, בִּיז מְ'אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אֱמֶתְ'ע תַּעֲנוּג אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דְּבֵיקוּת אִינֶעם דַאוֶוענֶען, פִיל מֶער וִוי אַלֶע גַשְׁמִיוּתְ'דִיגֶע תַּעֲנוּגִים פוּנֶעם עוֹלָם הַזֶּה וָואס גֵייעֶן שְׁנֶעל פַארְבַּיי אוּן זֶענֶען בְּלוֹיז צַייטְוַויילִיג.



# סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

## מַעֲשֶׂה י"ב - דֶער בַּעַל תְּפִלָּה (1)

**מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אֵיין בַּעַל תְּפִלָּה.** וָואס עֶר הָאט תָּמִיד נָאר עוֹסֵק גִיוֶוען אִין תְּפִילּוֹת אוּן שִׁירוֹת אוּן תּוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר אִיז גִיזֶעסִין חוּץ לְיִשּׁוּב.

**אוּן זַיין סֵדֶר אִיז גִיוֶוען.** עֶר פְלֶעגְט אַמָאל אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין. אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרַיין צוּגֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ מֶענְטְשְׁן מִן הַסְּתָם פְלֶעגְט עֶר אַרַיין גֵיין צוּ קְלֵיינֶע לַייט. דְהַיְינוּ אָרִימֶע לַייט אוּן נָאךְ אַזוֹי אֵיין גְלַייכִין.

**אוּן עֶר פְלֶעגְט** מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן אָנְהֵייבִּין צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. בַּאֲשֶׁר אַז צוּם אֱמֶת אִיז קֵיין שׁוּם תַּכְלִית נִיט פַארְהַאנְדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. **נָאר מֶע זָאל גָאט דִינֶען ווייל מֶע לֶעבְּט.** אוּן מֶע זָאל זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארִין נָאר מִיט תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ'.

**אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ צוּ שְׁמוּסְן** מִיט דֶעם מֶענְטְשְׁן אַזוֹינֶע רֵייד וָואס עֶר זָאל יֶענֶעם דֶערְוֶועקִין. בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען יֶענֶעם אִין דֶעם הַארְצִין אַרַיין. **בִּיז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְרוּצֶה גִיוָוארְן** אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּם אִים בַּאהֶעפְטִין. **אוּן תֵּיכֶּף וִוי דֶער מֶענְטְשׁ אִיז מְרוּצֶה גִיוָוארְן** מִיט אִים. הָאט עֶר אִים תֵּיכֶּף גִינוּמֶען אוּן הָאט אִים גִיפִּירְט אוֹיף זַיין אָרְט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט חוּץ לְיִשּׁוּב (דְהַיְינוּ אַרוֹיס פוּן דֶעם יִישּׁוּב. נִיט וִוי מֶענְטְשְׁן זִיצִין) **וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה.** הָאט זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אָרְט חוּץ לְיִישּׁוּב. **אוּן דָארְט אִיז גִיוֶוען אַ טַייכִיל** אוּן בֵּיימֶער, אוּן פֵּירוֹת אִיז דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען. אוּן זֵיי פְלֶעגִין עֶסִין פוּן דִי פֵּירוֹת. **אוּן אוֹיף קְלֵיידֶער הָאבִּין זֵיי גָאר נִיט גִיקוּקְט. ווִי מֶע גֵייט גֵייט** מֶען. **אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט** זַיין סֵדֶר צוּ זַיין פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה תָּמִיד. וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישּׁוּב אַרַיין.

**אוּן פְלֶעגְט אִיבֶּער רֵידִין מֶענְטְשְׁן** אַז זֵיי זָאלְן גֵיין מִיט זַיין וֶועג אַז זֵיי זָאלְן נָאר גָאט ב"ה דִינֶען זֵיי זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִילּוֹת וְכוּ' אוּן וֶוער סֶע הָאט אִים צוּ גִיהֶערְט פְלֶעגְט עֶר אִים צוּ נֶעמֶען אוּן פְלֶעגְט אִים פִּירִין אוֹיף זַיין אָרְט חוּץ לְיִישּׁוּב כַּנַּ"ל.

**אוּן זֵיי פְלֶעגִין דָארְט עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִילּוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ** אוּן וִוידוּיִים אוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים (דְהַיְינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ דֶעם גוּף) **אוּן תְּשׁוּבָה** אוּן דֶעסְט גְלַייכִין אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זֵיי גִיבִּין זַיינֶע חִיבּוּרִים (דְהַיְינוּ סְפָרִים) וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פוּן תְּפִילּוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת אוּן וִוידוּיִים.

**אוּן זֵיי פְלֶעגִין עוֹסֵק זַיין דְרִינֶען תָּמִיד.** בִּיז סֶע פְלֶעגְט זִיךְ שׁוֹין צוּ גִיפִינֶען צְווִישִׁין זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. וָואס עֶר הָאט אַהִין גִיבְּרַאכְט אַזוֹינֶע וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אוֹיךְ גִיקָאנְט בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. פְלֶעגְט עֶר אַמָאל גִיבִּין רְשׁוּת צוּ אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. אַז עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין אוּן זָאל דֶערְוֶועקִין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבִּירְשְׁטְן. אַז זֵיי זָאלִין נָאר גָאט דִינֶען. **אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** זִיךְ אַלְץ גִיפִּירְט. אוּן פְלֶעגְט אַלֶע מָאל מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן. אוּן פְלֶעגְט זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם יִישּׁוּב כַּנַּ"ל. בִּיז סֶע אִיז גִיוָוארִין אֵיין רוֹשֶׁם אוֹיף דֶער וֶועלְט (כְּלוֹמֶר מֶען הָאט דִי זַאךְ אָנְגִיזֶעהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט) **אוּן דִי זַאךְ הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מְפוּרְסָם צוּ וֶוערִין.** וָוארִין פְלוּצִים זֶענֶען פַארְפַלִין

גִּיוָוארִין מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן מֶען הָאט נִיט גְּוואוּסְט ווִי זֵיי זֶענֶען אַהִין גִּיקוּמֶען. בַּיי דֶעם אִיז פַארְפַאלְין גִּיוָוארִין אֵיין זוּן בַּיי דֶעם אֵיין אֵיידִים.

**אוּן מֶען הָאט נִיט גְּוואוּסְט** וואוּ זֵיי זֶענֶען. בִּיז מֶען אִיז גִּיוָואר גִּיוָוארִין. אַז סֶע גִּיפִינְט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָואס עֶר גֵייט אוּם אוּן רֶעט אָן מֶענְטְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ. נָאר חַאפְּן הָאט מֶען אִים נִיט גִּיקָאנְט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זִיךְ פִירִין מִיט גְרוֹיס חָכְמָה. אוּן פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן פַארְשְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ.

**בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט** פַאר אֵיין אָרִים מַאן. אוּן בַּיי דֶעם פַאר אֵיין סוֹחֵר. אוּן בַּיי דֶעם הָאט עֶר זִיךְ נָאךְ אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט. אוּן דֶערְצוּ אַז עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען שְׁמוּסִין מִיט אַ מֶענְטְשְׁן. אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר קָאן בַּיי דֶעם מֶענְטְשְׁן נִיט פוֹעֶלִין דָאס וָואס עֶר ווִיל.

**פְלֶעגְט עֶר דֶעם מֶענְטְשְׁן אַזוֹי פַארְדְרֵייעֶן** מִיט רֵייד. בִּיז סֶע גָאר נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ פַאלְן אַז עֶר מֵיינְט דָאס דָאזִיגֶע דְהַיְינוּ אַז עֶר זָאל אִים מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ. אוּן סֶע נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען צוּ שְׁטוֹיסִין זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאס. חָאטְשֶׁע צוּם אֶמֶת אִיז גָאר זַיין כַּוָּונָה גִיוֶוען נָאר דָאס.

**וָוארִין וָואס עֶר הָאט גִישְׁמוּסְט אוּן גִירֶעט** מִיט לַייט. הָאט עֶר מֶער נִיט גִימֵיינְט נָאר דָאס. דְהַיְינוּ אַז עֶר זָאל מְקָרֵב זַיין צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ. נָאר ווִי עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶר פוֹעֶלְט בַּיי דֶעם נִיט.

**פְלֶעגְט עֶר אִים אַזוֹי מְרַמֶּה זַיין** אוּן פַארְשְׁטֶעלִין מִיט רֵייד בִּיז יֶענֶער הָאט גִימֵיינְט אַז עֶר ווִיל גָאר נִיט דָאס. (אִיבֶּער דֶעם הָאט מֶען דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה נִיט גִיקָאנְט חַאפִּין)

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה עוֹסֵק גִיוֶוען אַלְץ** אִין דֶער זַאךְ כַּנַּ"ל בִּיז סֶע גִיוָוארִין אַ רוֹשֶׁם אוּן אַ פִּרְסוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן מֶע הָאט גִיוָואלְט אִים חַאפִּין נָאר סֶע אִיז נִיט גִימָאלְט גִיוֶוען כַּנַּ"ל.

**אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט זַיינֶע לַייט גִיזֶעסִין** חוּץ לַיִּשּׁוּב. אוּן זֵיי הָאבִּין עוֹסֵק גִיוֶועזְן נָאר אִין תְּפִלָּה אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ גָאט בָּרוּךְ הוּא אוּן ווִידוּיִים אוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים אוּן תְּשׁוּבוֹת.

**אוּן דִי זַאךְ פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה** אִיז גִיוֶוען עֶר הָאט גִיקֶענְט אִיטְלִיכְן מַסְפִּיק זַיין (כְּלוֹמֶר עֶר זָאל אִיטְלִיכְן גִיבִּין) וָואס עֶר הָאט בַּאדַארְפְט. אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אִין אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע לַייט. אַז נָאךְ זַיין מוֹחַ נָאךְ. בַּאדַארְף עֶר צוּ גָאטְס דִינְסְט. אַז עֶר זָאל גֵיין אָנְגִיטָאן אִין גִילְדְן גִישְׁטִיק. הָאט עֶר עֶס אִים מַסְפִּיק גִיוֶוען אוּן אַזוֹי פַארְקֶערְט.

**אַמָאל אִיז צוּ אִים מְקוּרָב גִיוָוארְן** אֵיין עוֹשֶׁר אוּן עֶר הָאט אִים אַרוֹיס גִינוּמֶען פוּן דֶעם יִישּׁוּב. אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער עוֹשֶׁר בַּדַארְף צוּ גֵיין אָפְּגִירִיסְן. הָאט עֶר אִים אַזוֹי גִיפִירְט אַזוֹי ווִי עֶר הָאט גְוואוּסְט. ווִי אַזוֹי מֶע בַּאדַארְף אִיטְלִיכִין צוּ פִירִין אַזוֹי הָאט עֶר אִים מַסְפִּיק גִיוֶוען.

**אוּן בַּיי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט זֵיי מְקָרֵב גִיוֶוען** צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ. אִיז בַּיי זֵיי אַ תַּעֲנִית אוּן דֶער גְרֶעסְטֶער סִיגוּף (דְהַיְינוּ פַּיְינִיקְן זִיךְ) טַייֶערֶער גִיוֶוען פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיהַאט תַּעֲנוּג פוּן דֶעם גְרֶעסְטִין סִיגוּף אָדֶער פוּן אַ תַּעֲנִית מֶער אֵיידֶער פוּן אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט.



# לאמיר זיין פאר הערן

נאמען: ____________



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (1)

**א. אין וואס האט דער בעל תפילה שטענדיג עוסק געווען?**
- ❑ אין תפילות
- ❑ אין שירות און תשבחות צו השי״ת
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואו איז דער בעל תפלה געזעסן?**
- ❑ אין בית המדרש
- ❑ אין ישוב
- ❑ חוץ לישוב

**ג. וואס האט דער בעל תפילה געזאגט אז וואס איז דער תכלית אויף דער וועלט?**
- ❑ נאר מ׳זאל דינען דעם אויבערשטן
- ❑ נאר צו טאהן אין משא ומתן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. ווען א מענטש איז מרוצה געווארן צו אים, צו וואו האט ער אים געפירט?**
- ❑ אין זיין בית המדרש
- ❑ אין זיין שטוב
- ❑ אויף זיין ארט חוץ לישוב

**ה. אויף וואס האבן זיי גאר נישט געקוקט?**
- ❑ אויף וואו צו שלאפן
- ❑ אויף קליידער
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו. אין וואס האבן זיי דארטן עוסק געווען חוץ לישוב?**
- ❑ אין תפלות שירות ותשבחות
- ❑ אין ווידויים און תעניתים און סיגופים
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. ווען האט ער געגעבן פאר זיינע מענטשן רשות אריין צוגיין אין ישוב צו דערוועקן מענטשן צום אייבירשטן?**
- ❑ גלייך ווען מ׳איז געקומען צו אים
- ❑ ווען זיי זענען שוין געווארן גרויסע צדיקים
- ❑ ווען זיי האבן שוין געקענט ברענגען מענטשן צו השי״ת

**ח. פארוואס האט מען נישט געקענט כאפן דעם בעל תפלה?**
- ❑ ווייל ער פלעגט זיך ביי יעדעם פארשטעלן אנדערש ביי איינעם וואו א ארימאן און ביי איינעם וואו א סוחר
- ❑ ווייל ער איז געווען א רואה ואינו נראה
- ❑ ווייל ער האט געמאכט א מופת מ׳זאל אים נישט קענען כאפן

**ט. וואס איז געווען טייערער ביי די מענטשן פון בעל תפילה מער פון אלע תענוגים?**
- ❑ גאלד און זילבר
- ❑ כבוד
- ❑ א תענית און דער גרעסטער סיגוף

**י.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

### אין וויפל און וועלכע זאכן האבן עוסק געווען דער בעל תפילה מיט זיינע לייט חוץ לישוב?

## תשובות אויף די מעשה פון דער בן מלך און דער בן שפחה (8)

וויפל זאכן דערציילט דער רבי ביי די מעשה אז דער אמתע׳ר בן מלך האט פארשטאנען אז מען דארף דאס רוקן פון זייער ארט און זיי מסדר זיין אויף זייער ריכטיגער פלאץ?

**זִיבְּן זַאכְן, - רֵייזִילֶע, בֶּעטְיל, טִישׁ, לֵייכְטֶער, עוֹפוֹת, חַיוֹת, לֵייבּ.**


דעם רבינ׳ס מעשיות

לְהִתְוַדַע וּלְהִגָּלוֹת אַז אִיטְלֶעכְס וָוארְט וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר, אִיז ׳קוֹדֶשׁ־קָדָשִׁים׳, לוֹטֶער ׳סוֹדוֹת־הַתּוֹרָה׳. מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען: ״אַז דָאס זֶענֶען חַס־וְשָׁלוֹם פְּרָאסְטֶע מַעֲשִׂיוֹת״!

צו ענטפערן בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5333372 צו באקומען דעם גליון אין מייל- m025345040@gmail.com